א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

## פרשת תולדות

## מאוצרות אמונים

## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### יצחק האט זיך געלערנט פון זיין פאטער א דרך אין תפילה

"וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת יִצְחָק בֶּן אַבְרָהָם אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק" (כה יט)

אין רש"י אויף דער פסוק ווערט שוין דערמאנט די קשיא אז די פסוק זעהט אויס ווי געדאפלט.

אויף א וואונדערליכער אופן האט עס ערקלערט דער בראדער רב, **רבי אריה יהודה לייב תאומים**:

די גמרא (ב"ק צב א) לערנט ארויס פון דעם וואס מיר זעהן אז נאך וואס אברהם האט געדאווענט אויף אבימלך איז ער אליין געהאלפן געווארן מיט א קינד, אז "כל המבקש רחמים על חברו והוא צריך לאותו דבר, הוא נענה תחילה". ביי אונזער פרשה (שפעטער אין פס' כא) טרעפן מיר אז אויך זיין זוהן יצחק איז געגאנגען אויף די וועג ווען ער האט געדאווענט "לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ כִּי עֲקָרָה הִוא" און נישט אויף זיך.

און דאס האט די תורה דא מרמז געווען ביים דאפלען דעם פסוק: "וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת יִצְחָק בֶּן אַבְרָהָם" - וויאזוי האט יצחק זוכה געווען צו תולדות? "אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק" - ווייל ער האט אריינגעקלערט אין די סיבה וויאזוי זיין טאטע אברהם האט אים געבוירן, ווייל ער האט געדאווענט אויף א צווייטן, האט ער אויך אזוי געטוהן.

'יעלת חן'

### בפי ישרים תתרומם

"וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה'" (כה כא)

**רבי יהודה בן מהר"ם חלאווה** שרייבט אין זיין ספר **'אמרי שפר'**:

יצחק האט ביי זיין תפילה דערמאנט די בקשה וואס מיר זאגן יעדן שבת ביי די ענדע פון 'נשמת' וואו דארט ווערט דערמאנט זיין נאמען און רבקה'ס נאמען: "בפי ישרים תתרומם, ובשפתי צדיקים תתברך, ובלשון חסידים תתקדש, ובקרב קדושים תתהלל".

[יצחק איז מרומז אין די ר"ת פון די ווערטער: ישרים, **צ**דיקים, חסידים, קדושים. רבקה איז מרומז אין די דריטע אות פון די ווערטער: תתרומם, תתברך, תתקדש, תתהלל.]

### הרוצה שיחכים ידרים ושיעשיר יצפין

"לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ" (כה כא)

"זה עומד בזוית זו ומתפלל וזו עומדת בזווית זו ומתפללת" (רש"י)

טייטש **רבי דוד טעביל** דער רב פון ליסא:

אין מסכת בבא בתרא (כה ב) זאגן די חכמים: "הרוצה שיחכים ידרים ושיעשיר יצפין", און דאס קומט אונז די תורה דערציילן מיט דעם וואס יצחק און רבקה האבן געדאווענט אויף צוויי אנדערע זייטן: יצחק וואס איז געווען אין א בחי' פון א 'עולה תמימה', האט ביי זיין דאווענען אינגאנצן נישט אינזין געהאט קיין עניני העולם הזה, ער האט נאר געוואלט זוכה זיין צו א זוהן וואס זאל זיין א עובד ה', דעריבער האט ער געדאווענט אויף דרום זייט. אבער רבקה האט געוואלט אז צו דעם זאל זייער קינד אויך זוכה זיין צו די גוט'ס פון דער עולם הזה וועגן דעם האט זי זיך אויסגעדרייט ביים דאווענען אויף צפון זייט.

'נפש דוד'

### דאס דאווענען איז די סיבה אז זי איז א עקרה

"וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה' לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ כִּי עֲקָרָה הִוא" (כה כא)

לכאורה וואלט די תורה געדארפט פריער דערמאנען אז רבקה איז געווען א עקרה, און נאכדעם דערציילן אז צוליב דעם האט יצחק געדאווענט, פארוואס האט די תורה נישט געשריבן לויט דעם סדר?

ערקלערט **רבי שלמה גאנצפריד**:

אין מסכת יבמות (סד א) ווערט ערקלערט אז די גאנצע סיבה פארוואס די אבות זענען נישט באלד געהאלפן געווארן מיט קינדער ווייל דער אויבישטער גלוסט צו זייערע תפילות, לויט דעם איז שוין פארשטענדליך אז דער פסוק איז יא געשריבן געווארן לויטן סדר, ווייל נישט דאס וואס זי איז געווען א עקרה איז געווען די סיבה פון זייער דאווענען, נאר דאס דאווענען איז געווען די סיבה פארוואס זי איז געווען א עקרה.

'אפריון'

### אמן אויף די ברכות פאר יעקב

"וַיְהִי כַּאֲשֶׁר כִּלָּה יִצְחָק לְבָרֵךְ אֶת יַעֲקֹב וַיְהִי אַךְ יָצֹא יָצָא יַעֲקֹב מֵאֵת פְּנֵי יִצְחָק אָבִיו וְעֵשָׂו אָחִיו בָּא מִצֵּידוֹ" (כז ל)

פון דעם דאפלטן לשון "אַךְ יָצֹא יָצָא יַעֲקֹב" קענען מיר זיך לערנען אז ווען יצחק האט געבענטש יעקב, האט רבקה געענטפערט 'אמן' (וואס איז בגימטריה צ"א). לויט דעם פארשטייט מען פארוואס אויך נאך ווען יצחק האט באמערקט זיין טעות האט ער געזאגט (להלן פס' לג) "גם ברוך יהיה", ווייל ער האט געוואוסט אז א ברכה וואס ווערט געענטפערט מיט א אמן - ווערט ערפילט. לויט דעם איז אויך מדוייק וואס רבקה האט געזאגט (לעיל פסוק ז) "ואברככה לפני ה'", ווייל א ברכה וואס מ'ענטפערט אויף דעם אמן ווערט גערעכנט פאר א ברכה פאר השי"ת, ווייל 'אמן' איז בגימטריה די צוויי שמות הוי"ה און אדנ"י.

'חיי יצחק'

### דער אונטערשייד צווישן די תפילה פון יצחק און די תפילה פון רבקה

"וַיֵּעָתֶר לוֹ ה' וַתַּהַר רִבְקָה אִשְׁתּוֹ" (כה כא)

"'לו' ולא 'לה', שאין דומה תפלת צדיק בן רשע לתפלת צדיק בן צדיק" (רש"י)

לכאורה זיי ביידע האבן דאך געדאווענט אויף די זעלבע זאך, ווי דערקענט זיך אז דער אויבישטער האט ענדערשט צוגעהערט צו יצחק'ס תפילה ווי צו רבקה'ס תפילה?

זאגט **רבי מאיר שפירא פון לובלין**:

יצחק האט ביים דאווענען געהאט א אנדערע כוונה ווי רבקה: יצחק וואס איז געווען א 'צדיק בן צדיק', האט נישט געקענט די רשעים פון דער נאנט, וועגן דעם האט ער נישט ארויסגעזאגט ביי זיין תפילה אז ער וויל זוכה זיין צו קינדער צדיקים, אבער רבקה וואס איז געווען די טאכטער פון לבן הרשע האט זי גוט געקענט דעם חלק הרע, דעריבער האט זי ארויסגעזאגט קלאר ביי איר בקשה אז זי וויל זוכה זיין צו קינדער צדיקים, און דאס שטייט: "ויעתר לו ה'" - "לא ולא לה", פון דעם וואס מ'זעהט אז עשו הרשע איז געבוירן געווארן איז א באוויז אז די תפילה פון יצחק איז אנגענומען געווארן און נישט פון רבקה.

'אמרי דעת'

### 'שלום עליכם' - ספעציעל פסח ביינאכט

"וַיֹּאמֶר יִצְחָק אֶל יַעֲקֹב גְּשָׁה נָּא וַאֲמֻשְׁךָ בְּנִי" (כז כא)

אנדערשט פון אסאך קהילות וואס פירן זיך נישט צו זינגען 'שלום עליכם' ביים סדר-נאכט ווען עס געפאלט אום שבת, ווייל עס איז א ליל שימורים, איז אין בעלזא פירט מען זיך עס יא צו זאגן. א וואונדערליכער טעם אויף דעם האט געזאגט כ"ק **מהרי"ד מבעלזא**:

אין 'פרקי דרבי אליעזר' (פרק לב) שטייט אז יצחק האט געגעבן די ברכות פסח ביינאכט. און אין מדרש זעהן מיר (ב"ר מד ג) אז ווען יצחק האט געזאגט פאר יעקב "גְּשָׁה נָּא וַאֲמֻשְׁךָ בְּנִי"... איז זיין הארץ געווען ווייך ווי וואקס, האט דער אויבישטער געשיקט צו אים צוויי מלאכים איינער פון זיין רעכטע זייט און איינער פון זיין לינקע זייט און זיי האבן אים אנגעכאפט ער זאל נישט אראפפאלן. כדי צו מכיר טובה זיין פאר די מלאכים וואס אין זייער זכות האט יעקב זוכה געווען די נאכט צו באקומען די ברכות, איז פאסיג אז מיר זאלן זיי אויפנעמען מיט א "שלום עליכם".

'לקט אמרי קודש' כרך ז עמ' מח

### ווען דער קול התפילה איז 'קל' ד.מ. גרינג דעמאלטס קענען עשו'ס הענט געוועלטיגן

"וַיֹּאמֶר הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב וְהַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו" (כז כב)

עס איז באקאנט וואס דער מדרש זאגט (ב"ר סה כ) אויף דעם פסוק: "בזמן שקולו של יעקב מצוי בבתי כנסיות... אין הידים ידי עשו". די קשיא איז פון זיך אליין שווער: פון די פשטות פון דעם פסוק זעהט אויס אז הקול קול יעקב און הידים ידי עשו זענען צוזאמען, ווייל עס שטייט דאך "וְהַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו" - מיט א וא"ו?

אבער רש"י אין זיין פירוש אויף מדרש רירט אן די קשיא, און וועגן דעם ערקלערט ער אזוי דעם מדרש: די חכמים דרש'ענען פון דעם וואס די ווארט "הַקֹּל" שטייט חסר, ווי עס וואלט געשטאנען 'קל', לויט דעם זאגן זיי אז כל זמן אז דער קול פון תפילה פון יעקב איז 'קל' ד.מ. גרינג און ביליג אין זיינע קינדער'ס אויגן קענען די ידי עשו אויף זיי געוועלטיגן, אבער ווען עס האט זיין חשיבות ווי עס דארף צו זיין - און דער 'קול' איז מלא, דעמאלטס קענען נישט די ידי עשו געוועלטיגן.






**דאנערשטאג ה' כסלו געפאלט דער יארצייט פון דער הייליגער מהרש"א.**

אין אסאך פלעצער אין זיינע ספרים באציהט ער זיך איבער די גרויסע ענין פון ענטפערן אמן. און אזוי זענען זיינע ווערטער אויף די גמרא אין מסכת שבת (קיט ב): "אמר ריש לקיש: כל העונה אמן בכל כוחו [לויט רש"י איז טייטש: בכל כוונתו, און לויט תוס': בקול רם] פותחין לו שערי גן עדן, שנאמר (ישעיה כו ב): "פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שמר אמנים" אל תקרי 'שומר אמונים' אלא 'שאומרים אמן'.

**עס זענען פארהאן אסאך טויערן צום גן עדן וואס יעדער פון זיי האט א אנדערע וועג וויאזוי מ'זאל עס עפענען, אבער אויף דער וואס ענטפערט אמן איז געזאגט געווארן 'פתחו שערים' מיט א לשון רבים,**

**ווייל פאר אים עפענען זיך אלע טויערן.**

**אמן. א קליינע ווארט - א מעכטיגע שטארקהייט!**

# תענה אמונים

א בליק לויטן
סדר פון דאווענען

## הכנה צו קריאת שמע

### זיך מתבונן זיין בעפאר קריאת שמע

אין די פריערדיגע ארטיקלען האבן מיר דערמאנט די ספעציעלקייט פון די מצוה פון קריאת שמע און איר עקסטערן טייל אין די אמונה פון יעדן איד.

צוליב די גרויסע חשיבות פון די מצוה האבן אונזערע רבי"ס שטארק ארום גערעדט איבער די חוב פון זיך ריכטיג צוגרייטן צו דעם, און מיר האבן שוין דערמאנט אז עס זענען דא וואס זאגן אז די גאנצע ציל פון די ברכות קריאת שמע איז ווי א הכנה און א התבוננות בעפאר מ'איז מקיים די געהויבענע מצוה (ראה ליקו"א תניא ח"א פמ"ט).

צ.ב.ש. רבי עקיבא אייגער האט געזאגט אז די סיבה פארוואס די ברכה 'אהבה רבה' ענדיגט זיך מיט די ווערטער: 'הבוחר בעמו ישראל באהבה', כדי מיר זאלן אריינקלערן און זיך צוגרייטן בעפאר מיר זאגן 'ואהבת', ווייל לכאורה וויאזוי קען מען אונז באפעלן מיט די מצוה פון 'ואהבת', מ'קען דען ליב האבן געצווינגענערהייט? נאר, אויב מיר וועלן בעפאר קריאת שמע גוט אריינטראכטן אין די שטארקע ליבשאפט פון השי"ת צו די אידן וועט נתעורר ווערן אין אונזער הארץ א ליבשאפט פון אונז צו השי"ת ('מלין חדתין' ואתחנן).

### הסכת - ושמע ישראל

דעם פסוק "הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל" (דברים כז ט) טייטש אונקלוס 'אצית', ד.מ.: הער צו און זיי דיך מתבונן, ענליך צו דעם טייטש דער ספורנו (שם) 'צייר בדעתך'. לענינינו, קענען מיר זיך ארויסלערנען די גרויסע חוב נישט צוגיין צו די מצוה פון קריאת שמע פלוצלינג און אן קיין התבוננות, נאר בעפאר מ'ליינט קריאת שמע זאל מען זיך צוגרייטן במחשבה ובמעשה. און דאס זאגט די תורה: 'הסכת' - ד.מ. זיי דיך מתבונן און טראכט ביי דיינע געדאנקען וואס דו גייסט יעצט טוהן, ממליך זיין דעם אויבערשטן אויף דיר, און נאר נאכדעם 'ושמע ישראל' ('דברי אמונה' עה"ת, ליקוטים, קר"ש).

### מהרהר זיין בתשובה בעפאר קריאת שמע

נאך שרייבן די גדולי החסידות ('אגרא דכלה' שופטים) וויבאלד אז קריאת שמע איז אזוי ווי א עדות אויף אחדות השי"ת, אזוי ווי עס איז מרומז אין די אותיות ע' וד' פון דעם ערשטן פסוק וואס זיי זענען גרעסערע אותיות אלץ א רמז אויף די ווארט 'עד', וועגן דעם איז ראוי אז יעדער מענטש זאל מהרהר בתשובה זיין בעפאר קריאת שמע, ווייל עס זענען דאך דא עטליכע עבירות וואס ווען איינער טוהט עס איז ער פסול לעדות, און אויב ער וועט נישט תשובה טוהן אויף זיי, איז בטל די מצוה, ווייל א פסול'ער עדות האט געזאגט די עדות.

א רמז אויף דעם דרש'נט מען פון דער פסוק (דברים יט טו): "לֹא יָקוּם עֵד אֶחָד בְּאִישׁ לְכָל עָוֹן וּלְכָל חַטָּאת"; - עס וועט נישט האבן קיין קיום די עדות פון ליינען קריאת שמע אז דער אויבערשטער איז 'אחד', "לכל עון ולכל חטאת" - ווען ער האט נאך ביי זיך א עון צי א חטאת.

נאך א ערקלערונג אויף דעם חיוב פון מהרהר זיין בתשובה בעפאר קריאת שמע, ווייל עס שטייט אז ביי קריאת שמע דארף דער מענטש אינזין האבן זיך מוסר נפש זיין ווי א קרבן. און אזוי ווי א עולה וואס האט א פעלער איז פסול פאר א קרבן, דעריבער דארף דער מענטש תשובה טוהן בעפאר ער ליינט קריאת שמע כדי אז די עבירה זאל נישט מאכן א פעלער אין דעם קרבן ('פרדס המלך' תולדות אות קעב).

### זאגן 'א-ל מלך נאמן'

דער טור (או"ח סי' סא) שרייבט: "עס זענען דא וואס פירן זיך צו זאגן 'א-ל מלך נאמן' און עס זענען דא וואס לייגן צו: 'אמן א-ל מלך נאמן', און זיי זאגן א טעם דערויף, ווייל ביי קריאת שמע זענען דא אין דעם רמ"ח ווערטער אזוי ווי די איברים פון א מענטש, נאר עס פעלט פיר ווערטער, איז מען זיי משלים מיט די פיר ווערטער".

למעשה, מיר פירן זיך צו זאגן 'א-ל מלך נאמן' נאר ווען מיר דאווענען ביחידות, ווייל דער וואס דאוונט בציבור קען דאך משלים זיין די רמ"ח ווערטער דורך זאגן 'אמת' ביים ענדע קריאת שמע, צוזאמען מיט דעם וואס דער שליח ציבור זאגט איבער 'ה' אלוקיכם אמת' (רמ"א שם ס"ג; מ"ב ס"ק יג).

אויסער דעם, די ווערטער זענען א רמז אויף די דריי עיקרי האמונה: מציאות ה', זיין השגחה, און גלייבן אין שכר ועונש: 'א-ל' - איז א רמז אויף מציאות השי"ת, אז ער איז א תקיף ובעל היכולת ובעל הכוחות כולם, 'מלך' - אז דער אויבישטער איז משגיח אויף זיינע באשעפענישן אזוי ווי א קעניג אויף זיין פאלק, 'נאמן' - אז ער איז באגלייבט צו באצאהלן שכר פאר יעדן לויט זיין ארבעט ('ענף יוסף').

די ווערטער 'א-ל מלך נאמן' האט נאך א באדייט, זייער ר"ת איז 'אמן', אזוי ווי עס איז ערקלערט אין גמרא (שבת קיט ב): "מאי 'אמן'? 'א-ל מלך נאמן'". לענינינו עס זענען דא וואס שרייבן אז די ווערטער זענען ווי א 'אמן' אויף די ברכה פון 'הבוחר בעמו ישראל באהבה' (רמ"א שם).

דא איז דאס פלאץ צו אנצייכענען אז לויט רש"י'ס פשט אויף די גמרא דארטן איז יעדע אמן א באדייט פון קבלת עול מלכות שמים, און דאס פרעגט די גמרא: "מאי אמן?" - וויאזוי ליגט באהאלטן די באדייט פון קבלת עול מלכות שמים ביים ענטפערן אמן, ענטפערט די גמרא: "א-ל מלך נאמן" - אז דער וואס ענטפערט 'אמן' זאגט עדות אויפן באשעפער אז ער איז 'א-ל מלך נאמן'.

און אזוי האט ערקלערט מרן הגר"ש הלוי וואזנער זצ"ל אין זיין דרשה ביי די פארזאמלונג פון 'בני אמונים' וואס איז פארגעקומען אין חודש אלול שנת תש"ע: "די אינערליכע כוונה און די באדייט פון ענטפערן אמן איז די עדות אויף די אמונה, וואס מיר זאגן עדות אויף דעם באשעפער אז ער איז דער א-ל מלך נאמן. און דאס איז די כוונה ביים ערשטן פסוק פון קריאת שמע, וואס דאס איז א עדות אויף די אמונה און יחוד ה', וואס מ'האט צוגעשטעלט נעבן דעם די ווערטער: 'א-ל מלך נאמן', און דעריבער איז איר מעלה זייער גרויס צו זוכה זיין דורך דעם צו עולם הבא" (ספר 'בני אמונים' עמ' קטו).

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## מתוך צרה המציאם פדות ורווחה

**איבער די כח פון א תפילה וואס קומט ארויס פון טיפן הארץ וואס קען טוישן דעם כח הטבע האבן מיר געלערנט אין אונזער פרשה. צי אויך אין אונזערע צייטן קען אזאנס פאסירן? די אמת'דיגע ערציילונג וואס מיר האבן פאר אונז, וואס נאר די נעמען ווערן נישט דערמאנט, וועט אויפווייזן אז יא. שמעו ותחי נפשכם.**

יענעם טאג האט די וועלט גע'רעש'ט הערנדיג די נייעס. א גרופע פון ישיבה בחורים - אזוי האבן דערציילט די קעפלעך אין די צייטונגען - זענען געגאנגען זיך באדן אויפן ים אין די שטאט חדרה, און שטורעמישע וואסער האט זיי אריינגעשלעפט אין די טיפענישן פון די ים, פאר פינעף פון זיי איז געלונגען צוריק שווימען צום בארטן, אבער צוויי פון זיי זענען פארשלעפט געווארן אין די טיפענישן. איינער פון זיי איז ביז א קורצע צייט ארויסגעשפיגן געווארן אויף די טריקעניש ווען עס איז נישט געווען וואס צו טוהן נאר צו באשטימען זיין טויט, און דער צווייטער איז פארשווינדן געווארן ווי די ערד וואלט אים איינגעשלינגען. זיינע דערשראקענע חברים האבן שנעל גערופן נאך הילף, די משפחה און די חברים האבן געהאפט צום גוטן, אבער צו זייער גרויסער ווייטאג, נאך א טאג פון זוכענישן איז געפונען געווארן זיין קערפער אונטער א שטיין אין די טיפענישן פון די ים.

באלד ווען ער איז פארשווינדן געווארן האבן זיינע חברים אינפארמירט זיינע עלטערן, ביז א קורצע צייט זענען זיי אהין אנגעקומען אינגאנצן דערשראקן, און אין לויף פון די קומענדיגע פיר און צוואנציג שעה זענען זיי געשטאנען נעבן דעם בארטן ווען זייער הארץ ווערט צוריסן פון ציטער און זארג און קיינער קען זיי נישט בארוהיגן.

דער קינד איז געווען זייער איינציג קינד וואס איז געבוירן געווארן פאר זיבעצן יאר נאך דרייצן יאר פון ווארטן און האפן אנגעזאפט מיט תפילות און ביטערע און שווערע ניסיונות. יעצט זענען זיי געשטאנען נעבן דעם בארטן ווען זייער הארץ פארלאזט זיך אויף גאר א שוואכע האפענונג. אבער ווען מ'האט דערציילט פאר די עלטערן די שווערע בשורה, איז זייער נשמה כמעט ארויסגעפלויגן פון זייער קערפער.

עס איז שווער צו שילדערן מיט ווערטער די הארצרייסנדע לויה וואס איז פארגעקומען יענעם טאג. די געשרייען פון די מאמע האבן זיך אויסגעמישט מיט די ביטערע געוויין פון דער פאטער, און צוזאמען זענען זיי ארויף אין הימל.

"רבונו של עולם!" האט געשריגן די צובראכענע מאמע, וואס האט יעצט פארלוירן איר קינד נאך וואס אזויפיל יארן האט זי געדאוונט אויף אים, "דו ביזסט דאך א כל-יכול, זעה אז מיין זוהן זאל לעבעדיג ווערן! איך קען נישט אויסהאלטן דעם ווייטאג!"

אבער נסתרים דרכי ה', און הצור תמים פעלו, עס איז געווען א גזירה פון הימל, און קיין נס האט נישט פאסירט. די מיטה האט פארגעזעצט איר וועג צום בית החיים ווען הונדערטער מענטשן מיט פארוויינטע אויגן באגלייטן מיט גרויס צער.

*

די 'שבעה' איז אדורך אויף די צובראכענע עלטערן ווי איין שטיק געוויין, זיי האבן טאקע פראבירט צו מצדיק זיין אויף זיך דעם דין שמים, אבער קיינער האט זיי נישט געקענט ערפילן דעם שרעקליכן לאך. זיי האבן געהאפט אז ביז געציילטע יארן וועלן זיי פירן זייער זוהן אונטער די חופה, און יעצט האבן זיי געדארפט אנשטאט דעם אים באגלייטן אויפן וועג צום בית החיים.

נאך די 'שבעה', האבן די עלטערן צוביסלעך אנגעהויבן צוריק גיין צום אלטן שטייגער, דער פאטער איז צוריק צו זיין ארבעט אלץ א הויפט פארוואלטער, און די מוטער האט ווייטער געדינט אלץ א לערערין אזוי ווי אין די לעצטע דרייסיג יאר.

דער ווייטאג איז געווען גרויס און זיי האבן עס נישט געקענט אריבערטראגן, אבער די שכנים, די קרובים און די גוטע פריינד האבן פראבירט ווי ווייט מעגליך גרינגער מאכן. אביסל טרייסט האבן די עלטערן געשעפט פון די סאך ערציילונגען וואס האבן נישט אויפגעהערט צו שטראמען איבער די גרויסקייט פון זייער זוהן, זיינע מידות טובות און די דברי תורה וואס ער האט איבערגעלאזט.

*

א תקופה נאך די ענדע פון די 'שלושים' האט אויף זייער טיר אנגעקלאפט א חשובער יונגערמאן און האט געזאגט אז וויל מיט זיי שמועסן און מוטיגן זייער גייסט. עס איז געווען א פארנאכט'ס שעה, א שוואכע טונקלקייט האט געהערשט אין דעם גרויסן צימער, די אויערן זענען געווען גרייט צו הערן און די הארץ איז געווען האפן.

די טרייסט ווערטער וואס זענען ארויסגעקומען פון דעם מויל פון דער יונגערמאן זענען אריין טיף אין זייער הארץ און געשטאקרט זייער גייסט, אבער דער גרויסער לאך האט נאך אלץ געשוועבט אין די לופט. בעפאר ער איז ארויס האט דער יונגערמאן געפילט אז ער מוז צולייגן עטליכע ווערטער, און ער האט געדאוונט צום אויבערשטן ער זאל אים אריינלייגן אין מויל די ריכטיגע ווערטער.

ווען ער האט געדורקט די האנט פון דעם פאטער זיך צו געזעגענען, זענען ארויסגעקומען פון זיין מויל די ווערטער, אן קאנטראל, אבער פול מיט ביטחון און האפענונג:

"טייערע עלטערן! דוד המלך זאגט אין תהלים: 'יענך ה' ביום צרה... ישלח עזרך מקודש... ימלא ה' כל משאלותיך', ענק זאלן וויסן אז דווקא אין א צייט פון א צרה איז דער מענטש נענטער צום אויבערשטן מער פון אייביג, זייט ענק נישט מייאש, שטארקט זיך מיט נאך תפילות און תחנונים פאר השי"ת און נעמט ענק אונטער אכטונג געבן נישט צו שמועסן דברים בטלים אין שוהל, דער אויבישטער האט דאך געהאלפן שרה אמנו זייענדיג אלט ניינציג יאר, קען ער דען ענק נישט העלפן ביי די עלטער פון פופציג יאר?..."

מיט די ווערטער האט דער יונגערמאן זיך געזעגנט פון די עלטערן, ווען ער לייגט אריין אין זייער הארץ א נייע האפענונג. ביז יעצט האבן זיי נישט גע'חלום'ט פון צו בעהטן אויף נאך א קינד, אבער יעצט האט זיך באנייט זייער האפענונג, און פון יענעם טאג און ווייטער האבן זיי נישט אויפגעהערט פון צו בעהטן מיט זייער גאנצן כח זיי זאלן זוכה זיין צו רחמי שמים.

*

וויניגער פון צוויי יאר זענען אריבער און די טעלעפאן אין דעם הויז פון דער יונגערמאן האט געקלינגען, פון די אנדערע זייט האט זיך געהערט די גערירטע שטימע פון דער פאטער ווען ער לאדנט אים איין צו א...ברית, און נישט פון איין קינד, נאר פון צוויי געזונטע און זיסע קינדערליך.

אין די עלטער פון צוויי און פופציג יאר, אקעגן אלע שאנסן, האבן די עלטערן זוכה געווען זיך צו אויפהייבן פון זייער ביטערן צושטאנד, און אראפ ברענגען א נייע לעבן אויף דער וועלט.

די ברית'ן זענען פארגעקומען אין די ווייטע צפון געגנט, אבער דער יונגערמאן וואס עס איז אים שווער געווען צוגלייבן האט זיך אנגעשטרענגט צו פארן, אויך נאר כדי צו זעהן די נס מיט זיינע אייגענע אויגן, און טאקע אזוי, ווען ער איז אריין אין די זאל און האט באמערקט דעם פרישן פאטער האלטנדיג אין זיין האנט איין זוהן, און די מוטער האלטנדיג דעם צווייטן זוהן, האט ער נישט געקענט אפהאלטן זיינע טרערן.

ביי די סעודת מצוה האט דער פאטער גערעדט און דאס האט ער געזאגט:

פאר ניינצן יאר איז אונז געבוירן געווארן אונזער ערשטער זוהן, עס איז מיר שווער צו שילדערן די פלאג און די יסורים וואס זענען אריבער אויף אונז אין די דרייצן יאר וואס מיר האבן געווארט אויף דעם נס. און די קומענדיגע זיבצן יאר האבן מיר זיך געפלאגט מיט אלע אונזערע כוחות אים צו ערציעהן צו תורה, מיר האבן געהאפט דורך אים אויפשטעלן א נייעם דור וואס וועט טראגן די נעמען פון אונזערע עלטערן.

און פאר צוויי יאר, אין העלן טאג איז די וועלט פאר אונז חרוב געווארן. אונזער איינציג קינד וואס האט זיך געוואלט אביסל אפרועהן אין די 'בין הזמנים' טעג איז דערטראנקען געווארן און מיר זענען איבער געבליבן צוקלאפט אן קיין האפענונג.

אין די עלטער פון פופציג יאר איז אויף אונז נגזר געווארן מיר זאלן צוריק ווערן עלנד און איינזאם, און אנדערשט פון פריער, דאס מאל אן אסאך שאנסן. מיר האבן זיך געשטארקט אז עס זעהט אויס אז אזוי איז דער רצון הבורא, מיר האבן זוכה געווען צו זיבעצן יאר פון גוט'ס און יעצט האט דער אויבישטער באשלאסן מיר זאלן צוריק ווערן עלנד.

ארום א חודש נאך די אומגליק איז אנגעקומען צו אונזער הויז א אום-באקאנטער יונגערמאן און האט אין אונז אריינגעלייגט א פרישע האפענונג. פלוצלינג האבן מיר פארשטאנען אז דער אויבישטער גלוסט אז מיר זאלן דאווענען צו אים און זיך אנהאלטן אין אים אקעגן אלע שאנסן.

נאר דעמאלטס האבן מיר אנגעהויבן צו דאווענען מיר זאלן זוכה זיין פון דאסניי צו די מתנה וואס מיר האבן געהאט און מיר האבן עס פארלוירן, עס איז נאכאמאל אריבער אויף אונז א סעריע פון יסורים, דאס מאל אויף א קורצע צייט, און יעצט זעהן ענק די דאפלטע ישועה.

עס איז מיר נישט קיין ספק אז נאר דאס איינע זאך וואס מיר האבן זיך געשטארקט מיט תפילה און אמונה האט צוגעברענגט אז מיר זאלן אראפ ברענגען אויף די וועלט א נייע לעבן, און דא שטיי איך פאר ענק אין די רירנדע מינוט.

'להתעדן באהבתך' תולדות

shay עיצובים